ב"ה

# צעירי השלוחים

"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"



A project of The Shluchim Office

## ר"ח–א' תמוז תשס"ה

**פרשת חקת**

טייערע קינדער שלוחים,

האט איר אמאל געהערט פון א טאטע וואס האט טויזנטע קינדער? דער רבי – אונזער טאטע- האט טויזנטע קינדער – אונז, זיינע חסידים. און יעצט, ווי אלעמאל, ווילן מיר פארשטארקן אונזער פארבונד מיט אונזער טאטן. זונטיק איז ג' תמוז. עלף יאר זינט ג' תמוז תשנ"ד. ווער האט אמאל געחלומ'ט אז חסידים זאלן אזוי לאנג זיין אין אזא שווערן צושטאנד? ווער האט אמאל געחלומ'ט אז עס וועט נעמן אזוי פיל צייט ביז מיר וועלן זען אונזער רבי'ן נאכאמאל?

די צער איז אומבאגרעניצט, אבער, ווי אין יעדער מצב, קוקן מיר צו זען וואס דער רבי האט ערקלערט אויף דעם. נאך די הסתלקות פון דער פריערדיקע רבי, האט דער רבי גערעדט וועגן יעקב אבינו. דער רבי האט ערקלערט וואס עס שטייט וועגן יעקב אבינו, "מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים", דורך דעם וואס יעקב'ס קינדער לעבן ,א לעבן איינגעפירט לויט זיינע הוראות, לעבט ער אויך. קינדער, עס איז אייער אחריות און זכות צו טאן וואס דער רבי האט אונז געהייסן און צו מאכן זיכער אז אונזער טאטע'ס לעבן זאל ווייטער אנגיין. דורך פירן זיך אין דעם רבי'נס וועגן, באווייזן מיר אז מיר זיינען טאקע ניט אליין: דער רבי –אונזער טאטע –לעבט מיט אונז.

מיט דעם, בעטן מיר שטענדיג "רצוננו לראות את מלכנו" מיר ווילן שוין זען אונזער רבי בגשמיות. מיר ווילן זען ווי ער וועט שמייכלן צו אונז ווען ער וועט אונז געבן דאלארן און כוס של ברכה. און זיכער וועלן מיר שוין זען דעם רבי'ן און דער רבי וועט אייך אפדאנקן אויף אלץ וואס איר האט געטאן צו ברענגען משיח וואס שנעלער!!

איידלה וועכטער



## לעבן מיט דער צייט

### פרשת חקת

### נחש הנחושת

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט אז אין דעם לעצטן יאר ווען אידן זיינען געווען אין מדבר, איידער זיי זיינען אריינגעגאנגען אין ארץ ישראל, זיינען אידן באשטראפט געווארן פאר ניט קיין געוואונטשענע זאכן, און דער אויבערשטער האט געהייסן משה רבינו צו מאכן א "נחש" (וואס משה האט געמאכט פון קופער) און אנגעזאגט אידן אז דער וואס וועט זיך איינקוקן צו דעם " נחש הנחושת" - "וחי", וועט ער לעבן.

זיינען די חז"ל - אראפגעבראכט אין רש"י אויף דעם פסוק - מבאר: צי דען קען דער נחש טויטן אדער מאכן לעבן? נאר ווען אידן קוקן ארויף צום אויבערשטן און זיינען משעבד זייער הארץ צו זייער פאטער אין הימל, אט דאס האט זיי אויסגעהיילט.

דאס הייסט: ניט קוקנדיק אויף די ניט געוואונטשענע זאכן וואס אידן האבן געטאן , און טראץ דעם וואס זיי האבן זיך נאך געפונען אין מדבר און נאך ניט אריין אין ארץ ישראל, פונדעסטוועגן, בשעת אידן האבן ארויפגעקוקט צום אויבערשטן און געבעטן הילף פון אויבן, האט דאס גלייך געווירקט אז ביי אידן זאל זיין "וחי" - זיי האבן באקומען אמת'ן לעבן פון אויבערשטן , און זיינען געבליבן לעבן גאר אין פשטות.ביז זיי האבן זוכה געווען, אז אין א קורצע צייט ארום, נאך אין דעם זעלבן יאר, זיינען זיי אריינגעגאנגען אין ארץ הקודש, וואס זי איז געווארן א ירושה פאר יעדער אידן אויף אייביק.

דערפון האט מען א הוראה פאר יעדער אידן, אפילו פאר אידישע קינדער וואס קענען <u>*נאר*</u> לערנען און פארשטייען חומש מיט פירוש רש"י:

עס פאדערט זיך דאך פון א אידן, אז ניט קוקנדיק אויף דעם וואס מען געפינט זיך אין דער פינסטערניש פון גלות, און מיר האבן ניט די ליכטיקייט פון דעם בית המקדש און די ליכטיקייט פון משיח צדקנו, פונדעסטוועגן דארף מען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה, לעבעדיקייט און ליכטיקייט.

*(המשך אין עמוד 2)*

## פרקי אבות

## פרק רביעי





# דערציילט מיר א מעשה

מר. א. איז געווען פון אן ארימע רוסישע משפחה וואס איז אנגעקומען אין ארץ ישראל ווען ער איז געווען א קינד. דארט אין ארץ ישראל האבן די ליובאוויטשער חסידים זייער געהאלפן זיין משפחה.

ווען ער איז געווארן עלטער און איז אריבערגעגאנגען לעבן אין אמעריקא, האט ער ניט פארגעסן די גוטסקייט פון די ליובאוויטשער חסידים. ער האט זיך מקשר געווען צו דעם רבי'ן און האט געפרעגט דעם רבי'ן אויף יעדער זאך. ווען ער האט אנגעהויבן זיין געשעפט, האט ער געבעטן דער רבי'ס ברכה און האט באשלאסן אלעמאל געבן מעשר– א צענטל– פון זיינע געלט אויף צדקה.

נאך א צייט, האט ער חתונה געהאט און ניט לאנג שפעטער האט זיין ווייב געהאט א קינד. זיי זיינען געווען אזוי צופרידן מיט דעם אויבערשטער'ס ברכה, אבער זייער שמחה האט זיך באלד געביטן צו גרויס צער. דעם קינד האט געוועגט ווייניגער ווי 2.5 פונט, און די דאקטוירן האבן מורא געהאט פאר זיין לעבן. זיי האבן געזאגט אז אפילו אויב ער וועט לעבן, וועט ער מסתמא זיין בלינד, און ניט קענען רעדן ר"ל. ער האט גלייך געבעטן דעם רבי'ן פאר א ברכה. דער רבי האט אים געגעבן א ברכה, און אלץ האט זיך ב"ה פארבעסערט.

דאס איז אלץ געווען פאר ג' תמוז תשנ"ד. נאך ג' תמוז איז מר. א. געווען איינגאנצן צובראכן. וואס וועט ער יעצט טאן ? ער האט געפילט אז ער האט פארלארן א טאטע.

א פאר יאר שפעטער האבן די דאקטוירן נאכאמאל געפונען א פראבלעם מיט זיין קינד. עפעס אין זיין פוס איז געווען שוואך און די דאקטוירן האבן מורא געהאט אז ער וועט ח"ו ווערן פאראליזירט. . מר. א. איז גלייך געגאנגען צום אהל. דא, האט ער געוואוסט, וועט ער געפונען זיין הילף.

ניט לאנג נאכדעם האט ער געהאט א חלום. אין זיין חלום האט ער געבעטן ביים רבי'ן א ברכה. דער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל רעדן מיט הרב גראנער און טאן דאס וואס ער וועט אים בעטן. דער רבי האט אויך מרמז געווען אז עס האט געפעלט אין זיין צדקה. ווייטער האט ער גע'חלום'ט אז ער איז געגאנגען צו הרב גראנער, און ער האט אים באוויזן א מקוה וואס איז נאך ניט געענדיקט געווארן.

ווען מר. א. איז אויפגעשטאנען, האט ער גלייך גערופן דער וואס האט געהאנדלט מיט זיינע געלט. ער האט אויסגעפונען אז עס האט טאקע געפעלט אין זיין צדקה. דעם סכום וואס ער איז געווען שולדיק איז געווען 40,000$.

מר. א האט באשלאסן גיין צו הרב גראנער, און אויב ער וועט זאגן אז ער ווייסט פון א מקוה וואס איינער וויל ענדיקן און ער דארף נאך געלט, וועט ער אים געבן די 40,000$.

אין די זעלבע צייט, אין אן אנדער פלאץ איז אן אנדערע מעשה געווען. הרב קארלבאך פון ניו' גירסי איז געווען אין מיטן ענדיקן דעם מקוה אין זיין שטאט און עס האט אים געפעלט געלט. ער האט גערעט מיט הרב גראנער און געפרעגט אויב ער ווייס ביי וועמען ער קען בעטן געלט.

יעצט, ווען מר. א האט גערופן הרב גראנער צו הערן אויב איינער דארף געלט פאר א מקוה, איז הרב גראנער געווען זייער צופרידן " איינער האט מיר ערשט געבעטן פאר געלט צו ענדיקן בויען זיין מקוה!! איך וועל אים פרעגן וויפל געלט ער דארף. הרב גראנער האט גלייך גערופן הרב קארלבאך. "וויפל געלט דארפסטו האבן פאר דיין מקוה?" האט ער געפרעגט."עס פעלט מיר 40,000$" האט ער געענטפערט.

ווען מר. א. האט דאס געהערט, איז ער גלייך געפארן צו ניו גירסי צו זען די מקוה און געבן די געלט. ווען מר. א איז געקומען צו די מקוה, האט ער געזען אז עס איז געווען די זעלבע מקוה וואס איז געווען אין זיין חלום.

ער האט גלייך געגעבן די געלט, מען האט געקענט ענדיקן בויען די מקוה, און מר. א. איז געווען פארזיכערט אין די איבעריגע חלק פון זיין חלום, אז זיין אייגענע ישועה וועט קומען.

*קינדער, דער רבי איז מיט אונז יעצט אזוי ווי פריער: און דער רבי זארגט אויף אלע זיינע חסידים און אלע אידן, זיי געבן ברכות אין אלץ וואס זיי דארפן!*

*(המשך לעבן מיט דער צייט)*

קען א אידיש קינד (און אמאל אפילו אן עלטערער) פרעגן: ווי קען מען דינען דעם אויבערשטן מיט שמחה און חיות ווען מ'איז נאך אין דער פינסטערניש פון גלות?

לערנט אונז די תורה אין היינטיקער סדרה, אז אפילו ווען מ'איז נאך אין מדבר, נאך איידער מען גייט אריין אין ארץ ישראל, - בשעת אבער מען קוקט ארויף צום אויבערשטן קען זיין "וחי" - מען זאל באקומען פון אויבערשטן אמת'ן לעבן.

און די זעלבע זאך אין אונזער צייט, ווען מיר געפינען זיך נאך אין גלות, און מיר דאווענען, בעטן און מאנען **"ווי וואנט משיח נאו"**, ווייל משיח איז נאך ניט געקומען - פונדעסטוועגן קען ביי אונז זיין "וחי", לעבן מיט אלע ענינים פון אידישקייט און תורה און מצוות, וואס זיי זיינען **"חיינו ואורך ימינו"**. און די חיות דארף זיך אויסדרוקן אין טאג טעגלעכן לעבן, **"בפיך ובלבבך לעשותו"** - אין מחשבה דבור און מעשה, סיי בנוגע צו זיך און סיי צו ווירקן דאס זעלבע אויף אנדערע.

און בשעת יעדער איד ווייזט אויף אז די תורה וואס ער האט באקומען בירושה איז די טייערסטע זאך ביי אים, און תורה באלייכט זיין טאג טעגלעכן לעבן ביז אז זיין גאנצער לעבן פירט זיך לויט די אנווייזונגען פון תורה,

און ער ווירקט איין אויף די אלע ארום אים אז זייער אידישער לעבן זאל זיין בשלימות,דעמאלט קומט משיח צדקנו, און נעמט ארויס אלע אידן פון דעם "מדבר" פון גלות, און פירט זיי צו אונזער הייליק לאנד, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה" און די לאנד איז "גאנץ" ווייל זי פירט זיך אויף אין א אידישן אופן אינגאנצן, און מען גייט מיט משיח צדקנו צו דער גאולה האמיתית והשלימה.

(פון דער רבי רעדט צו קינדער - שיחת א' דר"ח תמוז תשמ"א)

*(פון דער רבי רעדט צו קינדער, שיחת כ"ד סיון תש"כ)*



# משיח נאו!



אין פרשת חקת רעדט זיך וועגן די פרה אדומה. דער רמב"ם שרייבט וועגן דעם, "ניין מאל האט מען געמאכט א פרה אדומה, פון די צייט ווען די אידן זיינען אנגעזאגט געווארן וועגן די מצוה, ביז דער צווייטן בית המקדש איז חרוב געווארן. דער צענטער פרה וועט צוגעגרייט ווערן דורך משיח צדקינו, זאל ער נתגלה ווערן, אמן כן יהי רצון."

*פון דעם וואס דער רמב"ם זאגט 'מהרה יגלה אמן כן יהי רצון' אין מיטן די הלכה, לערנען מיר א געוואלדיקע הוראה: אין אלץ וואס מען טוט און לערנט, מוז מען אלעמאלווארטן און בעטן אויף משיח.*

# דעם חסידישן לוח

## ג׳ תמוז תשנ״ד



מוצאי שבת, אור לג׳ תמוז, איז די נייעס שוין געווען איבערן וועלט. מענטשן האבן ניט געגלויבט, ניט געוואלט גלויבן. קען דאס זיין? אונזער רבי, וואס האט אונז צוגעזאגט אז אונזער דור איז די דור פון גאולה, איז גענומען געווארן פון אונז? די שאק און צער איז געווען מער ווי מען האט געקענט ליידן. מענטשן פון ארום די וועלט זיינען געקומען אין 770 אויף יענעם טאג: פון אלע קרייזן פון אידן און להבדיל ניט אידן. אלע האבן געפילט דעם צער פון איינעם וואס האט פארלוארן א טאטע. די טעג נאכדעם זיינען אריבער ווי א שלעכטן חלום. די וועלט האט געקוקט און געוואונדערט: וואס וועט זיין מיט חסידים? וואס וועט זיין מיט שליחות? וועלן אלע שלוחים יעצט אהיימקומען? וועלן אלע מוסדות זיך פארמאכן? און וואס וועט זיין מיט דעם רבי׳נס ווערטער וועגן די גאולה?

אבער טייערע קינדער, עס האט ניט גענומען לאנג ביז אלע האבן געזען: חסידים און חסידות גייען ווייטער, ווייל חסידים זיינען ניט אליין - דער רבי איז מיט אונז. דער רבי וויל ניט אז מיר זאלן נאר וויינען און טראכטן וועגן דעם צער: דער רבי ערווארט פון אונז אסאך מער. דער רבי וויל אז מיר זאלן ווייטער טאן אין זיין שליחות בשמחה: און דורך דעם פועלן די התגלות פון משיח.

אין א שיחה פון ג׳ תמוז, האט דער רבי גערעט אויף די צייט ווען די זון איז געשטאנען אין די טעג פון יהושע. יהושע איז געווען אין מיטן א מלחמה, און ער האט געבעטן ביים אויבערשטן אז די זון זאל בלייבן שטיין אין הימל און ניט פארגיין. ער האט געדארפט האבן די ליכטיקייט פון די זון אויף צו ענדיקן די מלחמה. די זון איז געבליבן אין הימל, און האט געשיינט ביז יהושע האט געענדיקט דעם קריג מיט די גוים. דאס זעלבע זאך איז אויף ג׳ תמוז: אונזער זון - דער רבי– שיינט קלאר און שטארק פאר אונז. דער רבי איז מיט אונז און העלפט אונז דורכגיין אונזערע שוועריקייטן.

מיר ווייסן אז פון ג׳ תמוז איז די וועלט פון שליחות געווארן אסאך גרעסער. און מיר ווייסן אסאך פאסירונגען פון מענטשן וואס האבן באקומען ברכות פון דעם רבי׳ן דורך גיין און דאווענען ביי זיין הייליקן אהל. חסידים לערנען ווייטער זיינע שיחות און אגרות קודש און דאווענען אין זיין הייליקע שול –770 . מיר ווייסן זיכער אז דער רבי איז מיט אונז, און זיינע הייליקע ווערטער אז ״הנה הנה משיח בא״ וועט זיכער מקויים ווערן, ווי זיינע אלע אנדערע נבואות וואס זיינען מקויים געווארן!

אבער מיט דעם שרייען מיר ״רבי, מיר חסידים דארפן שוין זען א גשמיותדיקע רבי. פאר אונז איז ניט גענוג נאר דעם וויסן אז דער רבי איז מיט אונז און גיט זיינע ברכות. רבי, מיר מוזן שוין האבן די גאולה און אייך זען אין ירושלים!!״

אויף ג׳ תמוז שרייבן מיר אריין צום רבי׳ן און חסידים גייען צו דעם רבי׳ן אהל. מיר לערנען דעם רבי׳ן תורה און מיר פירן אויס דעם רבי׳נס הוראות זיך מקשר זיין זיך מיט דעם רבי׳ן און ברענגען משיח שוין יעצט!

---

קינדער, אנשטאטס ענטפערן שאלות די וואך, זאל יעדערער פון אייך אנשרייבן עפעס וועגן דעם רבי׳ן: אייערע געפילן וועגן דעם רבי׳ן , א מעשה וואס איז געשען מיט אייך אדער איינע פון אייער משפחה מיט דעם רבי׳ן. שרייבט אייך וואס איר וועט טאן ג׳ תמוז –און יעדן טאג– צו ברענגען נחת צו דעם רבי׳ן און שוין ברענגען משיח!

נאמען: ______________ ווי אלט: ______

שליח/ה אין: ______________

אימייל: ______________

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

# מיין רבי



דו פרעגסט "ווער איז דער רבי?"
איך וועל דיר זאגן אצינד
*ער איז מיין טאטע*
*און איך בין זיין קינד.*
איך קוק אויף זיין בילד און איך ווייס גוט און קלאר
אז דער רבי איז מיט מיר יעדן טאג פון דעם יאר.
וואו נאר איך גיי, בין איך ניט אליין
ווייל איך בין זיין שליח, ער קומט מיט מיר צוגיין.
ער גיסט אויף מיר ברכות, ווייל נאר ער אליין,
ווייסט פונקט וואס איך דארף, נאר ער קען פארשטיין.

יעצט דו האסט א שאלה, און דו וועסט מיר פרעגן,
וואס טו איך ספעציעל פאר מיין טאטע, מיין רבי'ן?
איך טראכט אויף מיין רבי'ן גלייך ווען איך הויב אן מיין טאג,
איך גרייט זיך אויף גאולה, ווי ער האט געזאגט.
איך זאג זיין קאפיטל מיט ליבשאפט אנגעפילט,
איך קוק יעדן טאג אויף זיין הייליקן בילד.
איך באווייז מיינע פריינט די אויפפירונג פון א איד
איך דערצייל זיי אויפן רבי'ן ווייל איך בין זיין חסיד!

יעצט איך האב א געבעט פון מיין טאטע, מיין רבי'ן
איך האב עפעס גרויס וואס איך וויל פון אייך בעטן.
צו אלע מיינע פריינט דא, האב איך געזאגט,
צו דערוווארטן משיח'ן, בכל יום- יעדן טאג.
און רבי, זיי ווארטן, איך ווארט אויך מיט זיי,
און עס ווערט אונז שוין שווער, מיר געבן א געשריי.
"עד מתי?" טייערע רבי, מען טוט וואס מען קען,
און יעצט, טייערע רבי, מיר ווילן אייך זען.
ביים גאולה שלימה מיט א שמייכל אצינד,
*ווייל דו ביסט מיין טאטע*
*און איך בין דיין קינד!*